פרשת תולדות
שנת תשפ"ה

גליון ח'

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

## מאמר: 'אין מזל לישראל' (ג)

### די עבודה פון מידת 'אַיִן' - אמת'ער ביטול צום אויבערשטן

א מענטש האט דריי הויפט כוחות | **די כוחות פונעם גוף, נפש און שכל** | שכל קאנטראלירט די מענטשליכע גופניות'דיגע געברויכן | **וואס איז ווען דער שכל איז אויך פארנארט?** | די נשמה שבמוח איז די מכריע איבער אלע כוחות אינעם מענטש | **קען מען אויך האבן איינרעדעניש אין דער נשמה שבמוח?** | מיט ביטול ווערט מען נישט פארבלענדט | **מדת ההשתוות איז די העכסטע מדריגה** | **אין ביטול** | דוד המלך יאגט זיך נישט צו אורטיילן שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא | **וואס האבן מיר מיט ביטול?** | מען דארף געדענקען אז ס'איז דא העכערס

א

## די דריי הויפט כוחות פון א מענטש

### וויאזוי ווערט יעדער מענטש געפירט?

אין די פריערדיגע גליונות האבן מיר ארומגערעדט איבער 'ביטול', וואס איז איינער פון די הויפט יסודות אין חסידות, און עס רעכנט זיך אריין מבטל זיין דעם אייגענעם רצון צום רצון ה', און מבטל זיין דעם שכל צום דעת עליון. אין דעם גליון וועלן מיר ברייטער אויסשמועסן די געוואלדיגע הויכע מדריגה פון ביטול, און ווי א מענטש קען אנקומען גאר הויך דורכ'ן זיך גענצליך מבטל זיין.

דער הייליגער מהר"ל מפראג שמועסט אויס (נצח ישראל פ"ד נתיבות עולם נתיב הבטחון פ"א, נתיב הכעס פ"ב, ועוד) אז יעדער מענטש ווערט געפירט דורך דריי הויפט כוחות, וואס זיי טרייבן דעם מענטש אויסצופירן זיינע אויפגאבעס אויף דער וועלט. די דריי כוחות ווערן גערופן ווי פאלגנד: כוח הגוף - דער גשמיות'דיגער גוף; כוח הנפש - די אינערליכע וועלט, די געפילן און רצונות פון א מענטש; כוח השכל - די קלוגשאפט פון א מענטש.

לאמיר דאס אויסשמועסן איינס ביי איינס.

### כוח הגוף - דער נאטירליכער פארזארגער

דער כוח הגוף איז דער נאטירליכער כוח וואס דער אויבערשטער האט אריינגעבויט אינעם גוף אז ער זאל זיך זארגן צו באקומען זיינע געברויכן.

צום ביישפיל, ווען דער גוף שפירט הונגעריג, וועקט זיך אויף אינעם מענטש א צורך צו עסן כדי צו שפירן זאט. דאס האט דער באשעפער ספעציעל אריינגעלייגט אין דעם מענטש, ווייל אז א מענטש וואלט נישט געשפירט קיין הונגער, וואלטן דורכגעגאנגען לאנגע טעג אנדעם וואס ער זאל עפעס נעמען אין מויל, און דער מענטש וואלט צוזאמגעפאלן און אויסגעגאנגען ה"י.

די זעלבע איז אויך מיט אלע אנדערע פיזישע געברויכן וואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז א מענטש דארף טון כדי זיין גוף זאל פילן רואיג און צופרידן, און מ'דארף נישט זיין קיין גרויסער 'בעל השגה' דאס אויסצופירן. א מענטש ווערט הונגעריג, ער עסט און ווערט זאט; א מענטש איז דארשטיג, ער נעמט וואסער אין מויל און זיין דארשט ווערט געשטילט; ער ווערט מיד, גייט ער שלאפן ביז ער איז אויסגערוט; און אזוי ווייטער.

> **די נשמה שבמוח פון א איד איז אזוי שטארק, אז ער האט א מעגליכקייט שולט צו זיין און באהערשן די נאטירליכע געברויכן און אלעס וואס דאס הארץ גלוסט, און זיך נאר פירן מיט שכל.**

### כוח הנפש - דער העכערער כוח פון געפילן

העכער פון דעם איז דער צווייטער כוח, דאס איז דער כוח הנפש, וואס איז שווין אביסל א העכערע דרגא. **דער כוח הנפש איז צווישן דעם שכל און דעם גוף**. אנדערש ווי די געברויכן פון דעם כוח הגוף, וואס איז א פשוט'ער אינסטינקט וואס קומט פון זיך אליין אין דעם מענטש, און יעדער בעל חי האט דעם כוח פון שפירן הונגער און זעטיגקייט, איז דער 'כוח הנפש' עפעס וואס איז העכער ווי דעם גוף. עס קומט פון דעם נפש פונעם מענטש.

דער כוח הנפש איז די וועלט פון געפילן. עס רעכנט אריין אלע סארטן געפילן, סיי נעגאטיווע געפילן ווי עצבות, בושה, פארלוירנקייט וכדומה, און סיי פאזיטיווע געפילן ווי שמחה, אהבה, רחמנות און אזוי ווייטער.

פון איין זייט איז דער כוח הנפש העכער ווי דעם כוח פונעם גוף, ווייל דאס איז נישט קיין פיזישע זאך וואס פילט אן די געברויכן פונעם גוף דורך גשמיות'דיגע וועגן וואס מ'קען 'אנטאפן'; דאס איז אַן אינעווייניגסטע געפיל וואס מ'קען נאר פארשטיין און שפירן מיט דעם הארץ. פון דער צווייטער זייט אבער איז דאס אויך נישט אינגאנצן א 'כוח שכלי', ווייל סוף כל סוף גיט זיך דער כוח הנפש אפ מיט קערפערליכע הרגשים וואס זענען געמאכט צו שטילן געפילן וואס שטערן פאר'ן גוף.

### כוח השכל - אנווייזונגען וויאזוי זיך צו פירן

דער דריטער כוח איז דער שכל פונעם מענטש, וואס **דאס מאכט אים חשוב'ער ווי אלע בעלי חיים.** דער מענטש איז באשאנקען געווארן מיט קלוגשאפט, וואס ער דארף ניצן, און נאר אזוי זיך אויפפירן שכל'דיג. דער שכל שטייט קעגן דעם כוח הגוף און כוח הנפש, און זאגט אים וואס צו טון. דער גוף און דאס נפש ווילן אפטמאל אוועקפירן דעם מענטש פונעם גלייכן וועג, זיי ווילן אים ארײנשלעפן אין תאוות הגוף אדער אוועקפירן אין נישט גוטע געפילן וואס קענען שאטן פאר'ן מענטש, און **דער שכל קומט אריין מיט קלארע אנווייזונגען** און זאגט פאר'ן מענטש וואס ס'איז באמת גוט פאר אים (אור החיים הק' פרשת אחרי מות יח, ב ד"ה דבר).

### נשמה שבמוח - א רוחניות'דיגע צוזאמענארבעט מיט'ן שכל

אבער אויסער די אלע כוחות וואס זענען דא ביי יעדן מענטש, אפילו א גוי, איז דא נאך א כוח וואס איז נאר דא ביי א איד, און וואס איז דער העכסטער פון אלע. דאס איז די 'נשמה' וואס איז אינעם 'מוח' (עץ חיים שער מ' דרוש י"ב), וואס ארבעט צוזאמען מיט'ן שכל. אבער עס איז נישט ממש דער שכל אליין, נאר דאס איז ממש א לויטערער און העכערער כוח, וואס איז 'כולו רוחני', און האט גארנישט קיין שייכות מיט'ן גוף.

דער שכל קען טאקע זאגן פאר'ן מענטש אז אויב ער וועט טון דאס און דאס וועט פאסירן יענץ און יענץ, אבער ער קען נישט נאנט מאכן דעם מענטש צום אויבערשטן, אז ער זאל שפירן ביי זיך אז ער לעבט פאר א העכערן תכלית, און אז דער עכטער תענוג פון א איד אויף דער וועלט איז אויסצופירן זיין תפקיד אויף וואס ער איז באשאפן געווארן און זוכה זיין דורכדעם צו קרבת אלוקים. דער שכל קען נאר געבן טעכנישע אנווייזונגען, 'טו אזוי און אזוי', **אבער נישט דערהייבן דעם מענטש.**

די נשמה שבמוח פון א איד איז אזוי שטארק, אז ער האט א מעגליכקייט שולט צו זיין און באהערשן די נאטירליכע געברויכן און אלעס וואס דאס הארץ גלוסט, אז ער זאל נאר טון וואס דער שכל פארשטייט אז ס'לוינט זיך באמת צו טון. דאס הייסט אז **די נשמה שבמוח העלפט דעם איד מכריע זיין צווישן דעם שכל און דעם גוף ונפש.**

ב

## איז עס טאקע א מצוה?

### דער גוף און דער שכל אמפערן זיך - די נשמה פירט אויס

לאמיר דאס מסביר זיין מיט א משל. א איד מיט'ן נאמען יאנקל זיצט ביי א געגרייט טיש מיט כל מיני מעדנים. ער איז זייער הונגעריג, און זעענדיג די אלע מאכלים וויל ער ממש אלעס אויפעסן. אבער דאן דערמאנט ער זיך אז ער דארף נזהר זיין אין ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, און עס איז נישט געזונט צו עסן אזויפיל. ער שטארקט זיך אויף זיין תאוות אכילה און ער עסט נאר אביסל.

יעצט, לאמיר צענעמען א רגע וואס דא האט פאסירט. אין דעם ערשטן שטאפל ארבעט זיין כוח הגופני, און זאגט אים, "יענקל, דו ביסט דאך אזוי הונגעריג, עס אלעס אויף!" אין דעם צווייטן שטאפל, ווען ער דערמאנט זיך אז דאס עסן צופיל וועט אים ברענגען שאדן, נעמט

זיך זיין 'כוח השכל' ארבעטן, און איז אים מסביר פארוואס דער כוח הגופני גייט קעגן זיין טובה.

יעצט האבן מיר צוויי כוחות וואס שלאגן זיך. דער שכל און דער גוף אמפערן זיך ארום, און יעדער וויל געווינען. דער גוף זאגט, "עס דיך אן!" און דער שכל זאגט, "שטעל דיך אפ!"

דא קומט אריין דער כוח פון דער נשמה. די נשמה שבמוח איז דער רוחניות'דיגער גייסט פון דעם איד, וואס העלפט אים און גיט אים דעם כוח בוחר צו זיין בטוב און פאלגן דעם שכל און מקיים זיין דעם ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

דער כוח פון א איד זיך צו שטארקן איבער דעם גלוסטעניש פון דעם גוף איז עפעס וואס קומט פון דער נשמה, און **דאס איז ביי יעדן איד.** יעדער איד ווערט אויפגעצויגן פון קינדוויז אן אז מען טאר זיך נישט לאזן ווערן איבערגענומען פון דעם כוח הגוף וואס קען אראפשלעפן דעם מענטש, און אט די מעגליכקייט זיך צו שטארקן איבער דעם כוח המושך פונעם גוף און נאכגיין דעם שכל קומט פון דער 'נשמה שבמוח'.

דאס זעלבע איז שייך ווען א איד האט א נסיון אין דעם כוח הנפש. ער ווערט באליידיגט פון איינעם און ער וויל אריינפאלן אין עצבות, אבער דער שכל זאגט אים, "שטארק דיך!" אין אזא פאל קומט אריין די נשמה שבמוח וואס גיט אים דעם כוח זיך צו באניצן מיט זיין שכל זיך מתגבר צו זיין אויף זיינע געפילן.

## ביטול איז אפילו העכער פון דער נשמה שבמוח

יעצט אז מיר קענען שוין אונזערע כוחות, דארפן מיר וויסן אז **ס'איז דא נאך א העכערער כוח פון 'נשמה שבמוח'**, דאס איז די מידה פון 'ביטול'.

ביטול מיינט אז דער מענטש איז זיך איינגאנצן מבטל אונטער דער הנהגה וואס דער אויבערשטער פירט אים. נישט ווי ביי דעם משל אז יאנקל האט זיך איינגעהאלטן פון עסן ווייל ער האט געשטארקט זיין 'כוח השכל' איבער זיין 'כוח הגוף' און ער האט פארשטאנען אז ס'לוינט זיך אים נישט זיך אנצועסן, נאר ווייל 'אזוי וויל דער אויבערשטער, און איך וויל טון זיין רצון'.

לאמיר צוריקגיין צו אונזער משל, פון יאנקל וואס זיצט ביי דער הערליכער סעודה, און לאמיר טוישן אביסל דעם משל. מיר וועלן זיך פָארשטעלן אז יאנקל איז ליידער נישט אזוי אויסגעארבעט אין תאוות אכילה, דער כוח הגופני שטארקט זיך, און ער זיצט ביים טעלער און האלט אין איין עסן, און ער הערט זיך נישט צו צו דער נשמה שבמוח וואס הייסט אים פאלגן דעם שכל וואס זאגט אים, "יענקל, ס'איז נישט גוט פאר דיר".

זיצט זיך דארט נאך א איד, לאמיר אים רופן יצחק, און ער זעט ווי יאנקל עסט אלעס אויף און ער לאזט גארנישט איבער פאר א צווייטן. יצחק זעט ווי יאנקל טוט אן עוולה, וויל ער אים אפירנעמען און אים גוט אויס'מוסר'ן בפני כל עם ועדה, 'שעמסט זיך נישט? ס'פאלט דיר נישט איין איבערצולאזן עפעס פאר א צווייטן?'

לאמיר יעצט מסביר זיין. ווען יאנקל האט געהאט א נסיון צו עסן מער וויפיל ס'איז געזונט פאר אים, האט דער כוח הגופני זיך געשלאגן מיט'ן שכל. אויב יאנקל איז גענוג שטארק ביי זיך, און ער קען זיך מתגבר זיין אויף דעם כוח הגופני, איז דאס ווייל ער האט געניצט די 'נשמה שבמוח', זיין חלק אלוק ממעל, אויסצוהערן דעם שכל און זיך שטארקן איבער דער הנאת הגוף און פארשטיין אז עס איז נישט פאר זיין טובה זיך אנצועסן.

אבער ווען יצחק קוקט זיך צו ווי יאנקל באגייט אן עוולה, דא ווערט שוין זיין 'נשמה שבמוח' אויף פארקאפט אין דעם נסיון. ער קומט שוין אויף מיט כל מיני הסברים פארוואס יאנקל איז דא באגאנגען א געפערליכע עוולה, און מען מוז אים

> **איין מינוט, וואס איז דער אמת'ער רצון ה'? וויל איך דא טון עפעס וואס קומט פון זיך מבטל זיין צום רצון ה', אדער אפשר איז עס גאר מיין שוואכקייט און מידות רעות?**

שטעלן אין פלאץ. ער וועט שאפן גאנצע פלפולים פארוואס עס איז א חיוב מוחה צו זיין אויף דער געפערליכער עוולה, ווייל עס איז דאך א סכנה צו עסן אזויפיל, און מען מוז מקיים זיין דעם הוכח תוכיח את עמיתך און אזוי ווייטער.

עס איז אבער קלאר אז אויב יצחק וועט געבן אזא פסק פאר יאנקל ברבים, וועט יאנקל זייער פארשעמט ווערן, און דאס גרעניצט זיך מיט הארבע איסורים פון המלבין פני חבירו ברבים, הוכח תוכיח את עמיתך **'ולא תשא עליו חטא'**. אבער דאס איז שוין א שווערע זאך פאר יצחק יעצט צו כאפן און פארשטיין, ווייל דער יצר הרע ניצט דא דעם שכל, ווייל ער פארשטייט דאך מיט'ן שכל אז מען דארף דא יעצט פאַרהאלטן יענקל, און **ער רעדט זיך אפילו איין אז ער איז גאר מקיים א מצוה.**

דאס איז שוין אין א געוויסן זין א מער קאמפליצירטער נסיון ווי יאנקל'ס שוועריגקייט זיך מתגבר צו זיין אויף דער תאוות אכילה; יאנקל ווייסט כאטש ביי זיך אין שכל דעם אמת אז ער דארף זיך איינהאלטן, אבער יצחק קען זיך גאר איינרעדן מיט'ן שכל אז עס איז ריכטיג אנצושרייען יאנקל, און די 'נשמה שבמוח' קען זיך איינרעדן אז ער גייט יעצט טון א מצוה און מקנא זיין די קנאת ה' צבאות.

יצחק כאפט אבער נישט אז באמת איז דא זיין כוח הנפש שטארק צעשפילט, און אז ווען ער גייט אריינגעבן א פסק פאר יאנקל איז עס בכלל נישט קיין מצוה. ער כאפט נישט אז **ער פירט זיך בכלל נישט על פי שכל**, נאר עס איז א שוואכקייט פון כעס און אנדערע שווערע מידות וואס ער האט ליידער נאכנישט אויסגעארבעט.

## מיט ביטול ווערט מען נישט פארפירט

דא קומט אריין זייער שטארק די וויכטיגקייט פון ביטול, וואס דאס איז נאך העכער פון שכל. יצחק דארף זיך דא געבן א שטעל אפ, און אריינטראכטן: איין מינוט, וואס איז דער אמת'ער רצון ה'? וויל איך דא טון עפעס וואס קומט פון זיך מבטל זיין צום רצון ה', אדער גיי איך דא טון עפעס וואס קומט פשוט פון מיין כעס און גאוה? ווען איך גיי זיך צעשרייען אויף דעם איד, איז עס

טאקע אן עבודת ה׳, אדער **אפשר איז עס גאר מיין שוואכקייט** ווייל איך וויל קאנטראלירן דעם מצב?

אויב איינער ארבעט זיך נישט אויס אין ביטול קען מען זייער גרינג דורכפאלן מיט שווערע עוולות, און מען ווערט זיך נאך איינרעדן אז מען טוט דא זייער וויכטיגע זאכן און אז מען מיינט עס גאר לשם שמים [זע תוספת נופך אות א׳], אבער באמת כאפט מען ניטאמאל ווי דער שכל און דער הרגש האבן פארפירט דעם מענטש און איינגערעדט פוסטע פאנטאזיעס, און אנשטאט אים לאזן זיין באוואוסטזיניג אז ער זאל זיך אויסארבעטן זיינע אייגענע שווערע מידות שטופט עס אים צו פרובירן גאר אויסצוארבעטן יענעמ׳ס שווערע מידות, **נאך הינטער׳ן שלייער פון א ׳מצוה׳.**

ג

# מדריגות אין ביטול

## די העכסטע מדריגה - מידת ההשתוות

די מדריגה פון ביטול איז געבויט אויף דעם אז דער מענטש פארשטייט אז ער איז באמת גארנישט, און אפילו ווען ער זיך מבטל צום אויבערשטנ׳ס רצון איז נישט פשט אז ׳איך׳ בין זיך מבטל צום באשעפער, דאס הייסט אז עס איז נאך דא עפעס א יש וואס איז זיך מבטל, נאר אז דער ׳איך׳ איז טאקע גארנישט, און **עס איז נאר דא דעם אויבערשטנ׳ס רצון** און עפעס אנדערש עקזיסטירט נישט.

ווען א איד לעבט מיט דעם, איז זיין עבודת ה׳ אויף א העכערן פארנעם. ער וועט נישט אזוי שנעל אריינפאלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע, ווייל ער ווערט נישט אזוי שטארק נתפעל ווען זיין שכל און זיינע געפילן ווערן איבערגענומען. ביי יעדער זאך טראכט ער נאר ׳וואס איז דער רצון ה׳?׳ ער וויל זיך נאר בעסער און שטארקער מבטל זיין צו אלעם וואס דער אויבערשטער וויל, און ער ווערט נישט אזוי שנעל איבערגענומען זיך צו לאזן פארדרייען דעם קאפ פון זיינע אייגענע נגיעות.

למעשה טאר מען זיך נישט נאַרן, און דאס איז גאר, גאר א הויכע מדריגה, צו וואס מען קען נאר צוקומען דורכ׳ן אריינלייגן גרויס הארעוואניע. אזויווי עס ווערט געברענגט פון הייליגן בעל שם טוב זי״ע [זע תוספת נופך אות ב׳], אז איינע פון די גרעסטע מדריגות איז ׳מידת ההשתוות׳, דאס איז פון לשון ׳שוה׳ – גלייך. דאס מיינט אז יעדער מצב איז גלייך און אייניג פאר׳ן מענטש. צי ער איז אין א גוטער גוסטע אדער נישט און צי עס גייט אים גוט אדער חלילה פארקערט. עד כדי כך, אז ס׳איז אים **נישט קיין שום חילוק צי ער באקומט וואס ער האט געוואלט אדער ער באקומט דאס פארקערטע** (ספר התניא פרק כ״ו).

מיט דעם אלעם זענען אויך דא אין דער מידה פון ׳ביטול׳ קלענערע מדריגות, וואס אפילו איינער וואס איז נאכנישט אזא בעל מדריגה קען אויך אנהייבן צו ארבעטן אויף דעם. מ׳דארף על כל פנים אנהייבן ארויפצוגיין אויפ׳ן לייטער טרעפל ביי טרעפל, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן אז מ׳וועט דערגרייכן דעם שפּיץ; אז מען זאל דינען דעם אויבערשטן מיט׳ן זעלבן תמימות, סיי אויב ס׳גייט וויאזוי מ׳וויל און סיי אויב ס׳גייט פונקט פארקערט.

## זיך לאזן פירן פון אויבן אין יעדן מצב

ספעציעל דערקענט זיך די מידה אין א פאַל וואס מ׳קומט אָן צו א החלטה אז מ׳דארף יא עפעס טון, ווייל דער מוח פארשטייט אז דאס איז ריכטיג, און אפילו אזוי טוט מען עס נישט. ווייל מ׳ווייסט אז מ׳ווערט געפירט דורך א העכערער הנהגה וואס איז העכער פונעם שכל, און מ׳לאזט די זאך זיך פירן נאר לויט דעם אויבערשטנ׳ס רצון, אָן טון גארנישט. אזוויי אין דעם אויבנדערמאנטן משל, אז ס׳וואלט געקענט אויסזען פאר יצחק אז ס׳איז א שכל׳דיגע זאך יעצט זיך אויפצורעגן אויף א צווייטן, אבער אז מען לעבט מיט ביטול וועט ער זיך כאפן אז די אמת׳ע ריכטיגע זאך איז יעצט צו שווייגן.

ווען א צווייטער עסט אויף צופיל מזונות פונעם טיש איז נאך גאנץ גרינג קזיך מבטל צו זיין... אבער במשך דעם לעבן קומען אונטער אומצאליגע שוועריגקייטן – נסיונות מיט וואס דער מענטש דארף זיך ספראווען. עס וועלן כסדר זיין מצבים אין וועלכע דער מענטש פילט אז ער ׳מוז עפעס טון׳, אבער דאך וועט ער זיך צוריקהאלטן פון נעמען די שריט וואס ער וויל און וואס ער האלט אז ער דארף טון, און ער וועט זיך לאזן פירן פון אויבן.

דער שכל קען זייער גרינג פארנארן דעם מענטש און אים איינרעדן אז ער פירט זיך אויף שכל׳דיג, ווען באמת גייט ער טון א גרויסע נארישקייט און אן עוולה, ווייל ער קומט דא בלויז פארטיידיגן דעם ׳איך׳. אבער אויב מען לעבט מיט ביטול צום אויבערשטנ׳ס הנהגה, און מען קוקט נישט אן דעם שכל ווי א יש בפני עצמו, קען מען זיך אמת׳דיג מדבק זיין אינעם רצון ה׳ און לעבן מיט א געוואלדיגער שלוות הנפש.

> **אנשטאט לאזן דעם מענטש זיין באוואוסטזיניג אז ער זאל זיך אויסארבעטן זיינע אייגענע שווערע מידות, שטופט דער שכל צו מוסר׳ן יענעם הינטערן שלייער פון א ׳מצוה׳.**

# השתוות מיינט אז ס'איז אים נישט קיין שום חילוק צי ער באקומט וואס ער האט געוואלט אדער ער באקומט דאס פארקערטע, אלעס איז דאס זעלבע.

## דוד המלך'ס מדריגה אין ביטול

דוד המלך האט זוכה געווען אנצוקומען צו דער העכסטער מדריגה פון 'ביטול', אזוי ווי דער הייליגער בעל התניא איז מסביר (אגרת הקודש פרק כ"ה) אויף דעם וואס ס'שטייט ביי דוד המלך (שמואל ב' ט"ז, ח') אז בשעת ווען ער איז אנטלאפן פון זיין זון אבשלום האט אים שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא געטראפן אינמיטן וועג און אים באזידלט מיט שרעקליכע קללות (כדאיתא בגמ' שבת קה.).

יעצט, על פי הלכה איז שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא געווען חייב מיתה וויבאלד ער איז געווען א מורד במלכות, און אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה, דוד המלך'ס היופט גענעראל, האט טאקע צוליב דעם געבעטן רשות פון דוד המלך ער זאל אים לאזן הרג'ענען שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא, אבער דוד המלך האט אים נישט געלאזט, זאגנדיג, **"אֱלֹקִים אָמַר לוֹ קַלֵּל"** – דער אויבערשטער האט אים דאס געהייסן טון.

דא זעען מיר דעם מורא'דיגן 'ביטול' פון דוד המלך צום אויבערשטן, ווייל בעצם וואלט דער שכל פארלאנגט אז דוד המלך זאל הייסן אז מען זאל אומברענגען שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא, נישט נאר ווייל ער האט אים פערזענליך פארשעמט און באזידלט דעם קעניג, נאר ווייל ער איז באמת געווען חייב מיתה; **די תורה הייסט דאך הרג'ענען א מורד במלכות.**

מיט דעם אלעם האט דוד המלך דאס נישט געלאזט טון יעצט, ווייל וויבאלד ער האט געלעבט מיט אזא ביטול צום באשעפער, האט ער פארשטאנען אז דער אויבערשטער האט געוואלט אז שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא זאל אים יעצט שעלטן, והא ראיה, ווייל אז נישט וואלט נישט געווען מעגליך פאר אים דאס צו טון. דערפאר האט ער געהאלטן אז אויב ער וועט יעצט לאזן הרג'ענען שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא, וועט דאס גיין קעגן דעם ביטול וואס א איד דארף האבן צום רצון ה', **אפילו אויב עס שטימט על פי שכל.**

דאס מיינט אז דוד המלך מיט זיינע הויכע מדריגות איז געווען געענצליך בטל צום אויבערשטן, און דעריבער האט ער פארשטאנען אז יעצט האט דער אויבערשטער געוואלט אז מען זאל אים שעלטן. און דערפאר האט ער נישט געוואלט אויספירן דעם עונש, כאטש עס איז זיך באמת געקומען פאר שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא. נאר פאר זיין פטירה האט טאקע דוד המלך אנגעזאגט זיין זון שלמה זיכער צו מאכן אז שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא באקומט זיין פארדינטן שטראף (מלכים א ב, ח-ט), ווייל סוף כל סוף האט שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא געדארפט האבן א כפרה אויף דעם.

און טאקע דערפאר, ווייל דוד המלך איז דעמאלט אנגעקומען צו אזא שלימות פון 'ביטול', האט ער זוכה געווען דאן צו ווערן דער 'רגל רביעי במרכבה העליונה' (מתוק מדבש למרן החיד"א אות ט'), ווייל ער האט דערגרייכט צו דער העכסטער מדריגה פון 'ביטול' וואו א מענטש איז מסוגל אנצוקומען.

## תוספת נופך

א] דאס וואס מיר האבן אויסגעשמועסט אז אויב מען איז זיך נישט אינגאנצן מבטל צום באשעפער קען מען זיך טועה זיין וואס איז דער רצון ה', ווערט געברענגט אין אסאך חסידישע ספרים, און עס ווערט זייער קלאר ארויסברענגט אין ספה"ק 'רסיסי לילה' פון הגה"ק רבי צדוק הכהן זי"ע אות ל"ח, וזלש"ק:

"וּמִי שֶׁבּוֹחֵר בָּעֲבוֹדָה וּרְדִיפָה אַחַר מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, יוּכַל לָבוֹא לִידֵי טָעוּת זֶה, שֶׁיְּסִיתֶנּוּ הַיֵּצֶר רַע עַל עֲבֵירָה שֶׁהִיא מִצְוָה, אֲבָל מִי שֶׁמְּבַטֵּל רְצוֹנוֹ שֶׁלֹּא לִרְצוֹת רַק רָצוֹן הַשי"ת, עַל יְדֵי זֶה הַשי"ת מֵאִיר לוֹ לִהְיוֹת בֶּאֱמֶת הַכֹּל כִּרְצוֹן הַשי"ת."

ב] דאס וואס מיר האבן געברענגט פון בעש"ט הק' אז דער מידת ההשתוות איז די העכסטע מדריגה אין ביטול, און א איד דארף אלעמאל שטרעבן אנצוקומען דערצו, ווערט אויסגעשמועסט אין צוואת הריב"ש (אות יט-כ), וזלש"ק:

שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד. שִׁוִּיתִי לְשׁוֹן הִשְׁתַּוּוּת, בְּכָל דָּבָר הַמְּאֹרָע הַכֹּל שָׁוֶה אֶצְלוֹ בֵּין בְּעִנְיָן שֶׁמְּשַׁבְּחִין בְּנֵי אָדָם אוֹתוֹ אוֹ מְבַזִּין אוֹתוֹ. וְכֵן בְּכָל שְׁאָר דְּבָרִים וְכֵן בְּכָל הַמַּאֲכָלוֹת, בֵּין שֶׁאוֹכֵל מַעֲדַנִּים בֵּין שֶׁאוֹכֵל שְׁאָר דְּבָרִים, הַכֹּל יִשְׁוֶה בְּעֵינָיו כֵּיוָן שֶׁהוּסַר הַיצה"ר מִמֶּנּוּ מִכֹּל וָכֹל.

וְכָל דָּבָר שֶׁיֶּאֱרַע לוֹ יֹאמַר הֲלֹא זֶה הוּא מֵאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ וְאִם בְּעֵינָיו הָגוּן וְכוּ' וְכָל כַּוָּנָתוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם אֲבָל מִצַּד עַצְמוֹ אֵין חִלּוּק וְזֶה מַדְרֵיגָה גְּדוֹלָה מְאֹד.

כְּלָל גָּדוֹל הִשְׁתַּוּוּת. פֵּירוּשׁ שֶׁיְּהִי' שָׁוֶה אֶצְלוֹ אִם יַחְזִיקוּהוּ לְחֶסְרוֹן יְדִיעָה אוֹ יוֹדֵעַ בְּכָל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וְדָבָר הַגּוֹרֵם לָזֶה הוּא הַדְּבֵקוּת בְּהַבּוֹרֵא תָּדִיר, שֶׁמֵּחֲמַת טִרְדוֹת הַדְּבֵקוּת, אֵין לוֹ פְּנַאי לַחְשֹׁב בִּדְבָרִים אֵלּוּ שֶׁטָּרוּד תָּמִיד לְדַבֵּק עַצְמוֹ לְמַעְלָה בּוֹ יִתְבָּרֵךְ.

וּבְכָל דָּבָר שֶׁיַּעֲשֶׂה יַחְשֹׁב שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה נַחַת רוּחַ לְבוֹרְאוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלֹא לְצָרְכּוֹ עַצְמוֹ אֲפִלּוּ מְעַט. אֲפִלּוּ אִם עוֹשֶׂה שֶׁיְּהִי' לוֹ תַּעֲנוּג בַּעֲבוֹדָתוֹ לֹא יְהִי' לְצוֹרֶךְ עַצְמוֹ.

## איב מען לעבט מיט ביטול צום אויבערשטנ'ס הנהגה, און מען קוקט נישט אן דעם שכל ווי א יש בפני עצמו, קען מען זיך אמת'דיג מתדבק זיין אינעם רצון ה' און לעבן מיט א געוואלדיגער שלוות הנפש.

דאס איז אוודאי זייער א הויכע מדריגה, און מיר פשוט'ע מענטשן וואס האלטן נאכנישט דארט, דארפן אוודאי בלויז טון וואס די תורה פארלאנגט צו טון, אזוי אויך וואס דער שכל הישר פארלאנגט צו טון, און עס נישט איבערקלערן. אבער אזויפיל קען אפילו א פשוט'ער מענטש ארויסנעמען פאר זיך, אז אפילו ווען מען פירט זיך על פי תורה דארף מען שטענדיג געדענקען אז דער ענדגילטיגער ציל איז צו זיין בטל צום רצון פונעם אויבערשטן.

### וויסן אז ס'איז דא העכערס

א בחור אדער יונגערמאן קען יעצט פרעגן, וואס וויל מען דא פון מיר? קען איך דען צוקומען צו דער מדריגה פון דוד המלך? איז נישט גענוג אז איך טו דעם רצון ה' בתמימות, איך דאווען ערליך, איך לערן פלייסיג און איך פרובירן דאס בעסטע וואס איך קען?

**זיכער אז 'יא'!**

די עבודה פון אונז, פשוט'ע מענטשן, איז צו דינען דעם אויבערשטן מיט אן ערליכקייט און תמימות, און נישט פרובירן ארויפצוקריכן אויף א צו הויכן לייטער, ווייל אז מען גייט צו הויך, צו שנעל צו, פאלט מען אראפ. פונדעסטוועגן דארף מען האלטן אין קאפ אז ס'איז דא העכערס.

מען קען דאס צוגלייכן צו דער עבודת התפילה פון א איד. עס איז זיכער אז די שאיפות פון אן ערליכן חסידישן איד דארף זיין צו דאווענען במתינות, ארויסזאגן די ווערטער מיט כוונה און אינזין האבן דעם פירוש המילות: ברוך – געלויבט, אתה – ביסטו, ה' – דער באשעפער, אא"וו.

מען קען דאך נישט זאגן אז אין דאווענען איז בלויז דא דער פשוט'ער טייטש, און אז עס ליגן נישט דא קיין שום העכערע כוונות. פון אונז פארלאנגט מען טאקע בלויז אינזין צו האבן דעם פשוט'ן פירוש המילות און זיך נישט צו פאר'חלומ'ען אינמיטן שמונה עשרה – און אפילו דאס קען צומאל אנקומען מיט גרויס אנשטרענגונג, אבער דאס מיינט נישט אז אין דעם דאווענען ליגט נישט טיפערס ווי דעם פירוש המילות.

דאס זעלבע איז מיט עבודת ה'. אוודאי דארף א איד זיך אנשטרענגען מקבל צו זיין דעם רצון ה' באהבה, זיך אויפפירן ווי עס שטייט אין שלחן ערוך און נישט עובר זיין אויף קיין עבירות. אבער צו דער זעלבער צייט דארף מען געדענקען אז **אין עבודת ה' איז פארהאן עפעס פיל מער און פיל טיפער**, און דאס איז די עבודה פון זיך אינגאנצן מבטל זיין צום באשעפער. און אפילו מיר דארפן שווער ארבעטן צו טון דאס פשוט'סטע, דארף מען נאך אלץ געדענקען אז עבודת ה' נעמט אין זיך אריין פיל טיפערס און העכערס, וואס אפילו אויב מען קען נישט דערגרייכן דאס העכסטע קען מען עס אביסל ארייננעמען אין זיך און אנהייבן לעבן מיט א משהו מער ביטול צום גרויסן באשעפער.

## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **יעדער מענטש ווערט געפירט דורך דריי הויפט כוחות; דער גוף, דאס נפש און דער שכל.**
- דער כוח הגוף גיט זיך אפ מיט'ן גוף, דער כוח הנפש מיט די געפילן און דער שכל איז די קלוגשאפט פונעם מענטש.
- **א איד האט די נשמה שבמוח, וואס גיט אים די מעגליכקייט זיך מתגבר צו זיין מיט'ן שכל איבער דעם גוף און דעם נפש, דהיינו א מכריע איבער די דריי הויפט כוחות.**
- העכער דער נשמה שבמוח איז דא די מדריגה פון ביטול, אין וועלכער דער מענטש איז אינגאנצן בטל צום רצון ה'.
- **דער מענטש קען צומאל ווערן איינגערעדט אז ער ווערט געפירט דורך דער נשמה שבמוח, ווען באמת איז עס נאר א פארבלענדעניש פונעם כוח הנפש.**
- מיט ביטול קען מען פארמיידן דאס ווערן פארנארט און פארבלענדט פון פאלשע 'מצוות' וואס נעמען זיך פונעם געפילישן כוח הנפש.
- **ביטול איז די מדריגה פון מידת השתוות, ווען יעדער מצב אין וועלכן דער מענטש געפינט זיך איז איינ'יג, ווייל ער וויל נאר וואס דער אויבערשטער וויל.**
- ביטול האט אסאך מדריגות, אבער מען דארף נאך אלץ שטרעבן צו טון דאס מערסטע וואס שייך, און נישט פארגעסן אז עס איז אלץ דא העכערס.

מכון שפה ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com